## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר נחמיה גיידא הי"ו

יום ה' פרשת ואתחנן תשע"ג לפ"ק - מחנה שלום משה נייטרא

**מען** זיצט ביי א סעודת ברית מילה, ווען מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו. עס שטייט אין די גמרא (שבת קלז:) אז מען וואונטשט אָן, כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. כאטש ביי אנדערע מצות געפונט מען נישט, אז מען וואונטשט אזוי. ווייל דאס איז די ערשטע מאל וואס א קינד גייט אריין מקיים זיין א מצוה, און עס איז א געוואלדיגע זכות פאר א טאטע, אז ער האט מכניס געווען זיין קינד. וואונטשט מען אים, אז ער זאל עס קענען גומר זיין, און אים אריינברענגען שפעטער אויך לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

**אין** די פרשה די וואך, זעהט מען די גרויסע חשיבות פון תפילה. ואתחנן אל ה' בעת ההוא לאמור, משה רבינו האט זיך געבעטן, אז ער וויל אריינגיין קיין ארץ ישראל, אעברה נא ואראה את הארץ הטובה וגו' ההר הטוב הזה והלבנון (דברים ג-כג). און עס קוקט אויס, אז דער אייבערשטער האט נישט מקבל געווען די תפילות, און נאכן מתפלל זיין תקט"ו תפילות, האט אים דער אייבערשטער געזאגט אז ער קען נישט אריינגיין קיין ארץ ישראל. פון איין זייט זעהט מען לכאורה, אז תפלה נוצט נישט, אבער פון די אנדערע זייט זעהט מען, אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה, איך בעט דיר, מער זאלסטו נישט דאווענען דערויף. טאמער וואלט ער געדאווענט נאך איין תפילה, וואלט די תפלה געהאט א כח, אז ער זאל קענען אריינגיין קיין ארץ ישראל, דער באשעפער וואלט געמוזט טון זיין רצון. און דער באשעפער האט נישט געוואלט, אז ער זאל צוקומען צו די מצב, אז ער זאל מוזן ענטפערן די תפילה, האט ער אים געדארפט צוריקהאלטען, און ער האט אים געזאגט, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה, אז ער זאל מער נישט מתפלל זיין.

**און** די מוסר השכל דערפון איז, אז א מענטש מיינט אסאך מאל, אז ער האט שוין געדאווענט איין מאל און צוויי מאל און דריי מאל, ער האט שוין יוצא געווען, און מען האט אים נאך אלץ נישט געענטפערט דערויף. משה רבינו איז נישט מיד געווארן, און נאך איבער פינף הונדערט תפילות, האט ער נאך אלץ מתפלל געווען. און ווען ער וואלט געדאווענט נאך איין תפילה, וואלט ער געקענט אויספועל'ן. און מען האט אים געמוזט צוריקהאלטען פון הימל, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה. ער זאל מער נישט בעטן, ווייל מען וועט מוזן אננעמען די תפלה. וואס אדרבה פון די פרשה זעהט מען די געוואלדיגע כח התפילה, וואס א תפלה קען אויפטון. און אפילו מען איז נישט נענה געווארן איין מאל און צוויי מאל, קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה' (תהלים כז-יד), שטייט אין די גמרא (ברכות לב:), דו האסט געדאווענט, האסט געהאפט צום אייבערשטען, און עס איז דיר נישט געגאנגען, וקוה אל ה', טו נאך דאווענען, און טו נאך בעטן.

**אין אגרא דכלה** (פ' ואתחנן) שטייט, וואס איז דער ענין אז משה רבינו האט געבעטן תקט"ו תפילות. זאגט ער, אז די גמרא (חגיגה יג.) זאגט, אז יעדער הימל איז גרויס א מהלך פון פינף הונדערט יאר. און צווישן איין הימל און אנדערן הימל, איז אויך דא צו גיין א וועג פון פינף הונדערט יאר. עס איז דא אויבן זיבען הימלען. קומט אויס, ווען מען רעכנט פון די וועלט, ביז מען קומט אן צום סוף פונעם זיבעטן הימל, איז עס א חשבון פון פופצען מאל פינף הונדערט יאר. זאגט ער, אז דאס איז 'ת"ק-ט"ו', פינף הונדערט מאל פופצען. משה רבינו האט מתפלל געווען תקט"ו תפילות, די תפלה איז ארויף געגאנגען, יעדע תפלה איז אנגעקומען נאך א יאר אויבן, און נאך א יאר אויבן, ביז ער איז צוגעקומען מיט זיינע תפילות, צום העכסטן

שטאפעל אויבן אין הימל. און ווען ער וואלט געדאווענט נאך איין תפילה, וואלט ער אנגעקומען צו דעם העכסטען מקום ווי א תפלה קען אנקומען, און ער וואלט גע'פועל'ט.

**ואתחנ"ן** אל ה' 'בעת ההוא', זאגט דער הייליגער **אגרא דכלה**, נאכדעם וואס איך האב שוין מתפלל געווען 'ת"ק-ט"ו' תפילות, פופצען מאל ת"ק, און איך האב געהאלטן ממש ביי די שפיץ, ווי מען קען אנקומען מיט די תפילות, האב איך געבעטן 'לאמור', איך זאל נאך קענען מתפלל זיין נאך איין תפילה. און דער אייבערשטער האט מיר געזאגט, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה, אז איך זאל מער נישט מתפלל זיין. זעהט מען פון דעם די געוואלדיגע כח התפילה.

**ווען** מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, דארף מען דאווענען פאר זיך, און פאר די קינדער. עס איז היינט א שווערע וועלט, מען זאל קענען ערציען ערליכע יודישע דורות. און מען דארף האבען אסאך תפילה, און אסאך ברכות, אז מען זאל קענען מחנך זיין א קינד ווי עס דארף צו זיין. זאל דער אייבערשטער געבן, אז דו זאלסט קענען ערציען דאס קינד, אז ער זאל אויסוואקסען א ערליך קינד, א תלמיד חכם און א ירא שמים, און דו זאלסט זעהן ביי אים און אלע קינדער אסאך יודיש נחת.

## סיפורי צדיקים שנשמעו בסעודת מלוה מלכה

מוצש"ק פרשת ואתחנן תשע"ג לפ"ק - מתוך הספר מפיהם ומפי כתבם

**רבי יענקעלע פון פשעווארסק** האט פארציילט, אז ער האט געהערט פון א יוד, וואס האט געהערט פון **שינאווער רב**, אז אין פשעווארסק האט געוואוינט א יוד וואס האט געהייסען רבי וועלוול, ער איז געווען א עושר און א תלמיד חכם, ער האט געמאכט א ספר **שו"ת משיב כהלכה**. און ער פלעגט צו פארען צו די פריערדיגע רבי'ס, צו **רבי מענדעלע רימנוב'ער**, און אזוי ווייטער. ער איז שוין געווען א יוד א זקן, און **רבי מענדעלע** האט שוין נישט געלעבט, און **רבי הערש רימנוב'ער** האט איבערגענומען דעם פלאץ פון זיין רבי'ן.

**און** דער **שינאווער רב** איז געפארן צום **רבי ר' הערש רימנוב'ער**, און עס איז אים אויסגעקומען אדורכצופארן פשעווארסק, און ער האט זיך געטראפען מיט דעם רבי וועלוול. דער **שינאווער רב** איז נאך געווען דעמאלטס א יונגערמאן, און רבי וועלוול האט געוואוסט, אז דער **שינאווער רב** פארט יעצט צום **רבי'ן ר' הערש**. אויפן **רבי ר' הערש** האט מען נישט געהאלטען אז ער איז א תלמיד חכם. האט רבי וועלוול געזאגט פארן **שינאווער רב**, וואס זאגסטו צו דעם, אז מען זאגט אז הערש משרת זאגט תורה. האט דער **שינאווער רב** געזאגט, יא, עס איז אזוי, ער זאגט תורה. זאגט אים רבי וועלוול, דו ביזט אויך א קאטשעלאפ [אין גאליציע האט מען גערופן א בטלנ'ישער חסיד, א קאטשעלאפ]. ווי איינער זאגט, אז דו קענסט גיין צו אזא רבי, און זאגען אז ער זאגט תורה, האט ער אים אזוי אנגערופן. האט אים דער **שינאווער רב** געזאגט, נו, קומסט אויך צו פארן, וועט איר אליין זען, אז ער זאגט תורה. און מיט דעם האבען זיי זיך געזעגנט.

**האט** דער **שינאווער רב** פארציילט, אז ער איז געפארן אויף רימנוב, און ערב שבת ווען ער איז ארויסגעקומען פון די מקוה, האט ער געזעהן אז רבי וועלוול איז אויך דארט, ער איז געקומען צו פארן אויף שבת. האט ער זיך זייער געפרייט, ווייל יעצט וועט ער זעהן, אז דער **רבי ר' הערש** קען אויך זאגען תורה.

**רבי הערש** האט געהאט א מנהג, אז בעפאר ער האט געזאגט תורה, האט ער זיך אויפגעהויבן דעם קאפ, געבויגן אויף ארויף, אזוי ווי איינער וואס הערט תורה מן השמים, און נאכדעם האט ער געזאגט דברי תורה. ווען ער פלעגט אנהייבען צו זאגן תורה, פלעגט ער אנהייבען מיט די ווערטער פיה פתחה בחכמה, און

נאכדעם האט ער געזאגט די דברי תורה, וואס ער האט געוואלט זאגען. ווען עס איז געקומען פרייטאג צונאכטס פאר די תורה, האט **רבי הערש** אויפגעהויבן דעם קאפ ווי שטענדיג, , און ער האט עס אראפגעלייגט און ער האט נישט געזאגט קיין דברי תורה. און ער האט געהייסען מען זאל אריינברענגען דעם כוס און בענטשען.

**נאכען** טיש איז רבי וועלוול אריבערגעגאנגען נעבן דעם **שינאווער רב**, און ער גיט אים א קלאפ אין די פלייצע, און ער זאגט אים, 'אז מען קען נישט זאגען, זאגט מען נישט'. ווען רבי וועלוול איז ארויס פון בית המדרש, איז דער איידעם פונעם רבי ר' הערש, ער האט געהייסען לייבוש, צוגעגאנגען צום **רבי ר' הערש**, און ער האט אים געזאגט, 'ווייל וועלוול איז דא, זאגט מען נישט קיין תורה'. האט דער **רבי ר' הערש** געזאגט, וואס זאל איך טון, אז מען האט נישט משפיע געווען פון הימעל וואס צו זאגען, האב איך נישט געזאגט. פרעגט ער ווייטער, און אז רבי וועלוול איז דא, איז מען נישט משפיע פון הימל צו זאגען תורה. און דער **רבי ר' הערש** האט אים נישט געענטפערט.

**ביי** די סעודה צופרי האט זיך איבערגעחזר'ט די זעלבע. **רבי הערש** האט זיך געגרייט צו זאגען תורה, און נאכדעם האט ער נישט געזאגט. און רבי וועלוול איז ווייטער אריבער ביים **שינאווער רב**, און ער האט אים ווייטער געגעבן אזא קלאפ, 'נו, אז מען קען נישט, זאגט מען נישט'. און דער איידעם רבי לייבוש, האט ווייטער געזאגט פארן שווער, 'אז וועלוול איז דא, איז מען שוין נישט משפיע צו זאגן תורה'. - ווען דער **שינאווער רב** האט דאס דערציילט, האט ער זיך אנגערופן, דער רבי לייבוש דער איידעם פון רבי ר' הערש, זאל מיר מוחל זיין, איז נישט געווען קיין איבערגעשפיצטער. מען פרעגט נישט איבער א זאך צוויי מאל. ער האט שוין געהערט פריער די תירוץ, ער וואלט נישט געדארפט נאכאמאל איבערפרעגן.

**ווען** עס איז געקומען צו שלש סעודות, איז געווען טונקעל, און דער **רבי ר' הערש** האט געזאגט תורה. און דער **שינאווער רב** האט געזאגט, איך האב שוין געווארט, אז עס זאל שוין ווערן ליכטיג אין שול, אז איך זאל קענען זעהן, ווי אזוי דער רבי' וועלוול זיצט. ווען מען האט געענדיגט די תורה, און מען האט אנגעצינדען די ליכט, האט דער **שינאווער רב** געזעהן, אז רבי וועלוול זיצט מיט א פאטשיילע אויף די אויגן, און עס גיסט זיך פון אים די טרערן.

**האט** רבי יענקעלע צוגעגעבן, דאס הייסט א כח אין זאגען תורה. מען זאל קענען צוויי מאל לאכען פון יענעם, און נאכדעם ווען מען הערט פון אים דברי תורה, זאל מען קענען וויינען. דאס איז א מדריגה, וואס דער **רבי ר' הערש** האט געהאט.

*

**אויף רבי הערש** האט מען געזאגט, אז מען האט אים כמעט נישט געזעהן לערנען, נאר חומש רש"י מיט חק. און פונדעסטוועגן דאך איז ער געווען אזוי גרויס, און ער האט געהאט גרויסע חסידים.

**והוסיף רבינו:** אויף **רבי ישעי'לע קערעסטירער** זי"ע, האט מען אויך געזאגט די זעלבע, אז מען האט אים כמעט נישט געזעהן לערנען, און מען פארציילט פון אים אסאך מופתים. עס שטייט אין די **תולדות פון רבי שאול בראך**, אז ער האט אמאל געזאגט פאר דעם תלמיד וואס האט געשריבן דעם ספר, אז מען זאגט נאך פונעם **חתם סופר** (עיין **שבט מיהודה** פ' ויקהל עה"פ ולהורות נתן בלבו), אז טאמער מען איז נישט גרויס אין תורה, קען מען נישט זוכה זיין צו קיין רוח הקודש. האט **רבי שאול בראך** געזאגט פאר דעם תלמיד, ווען דער **חתם סופר** וואלט געקענט **רבי ישעי'לע קערעסטירער**, וואלט ער געזעהן אז מיטן כח פון צדקה, קען מען אויך זוכה זיין צו רוח הקודש. מען האט אים נישט געהאלטן אזוי גרויס אין תורה, פונדעסטוועגן דאך, מיט זיין צדקה און מעשים טובים, האט ער זוכה געווען צו דעם וואס אנדערע זענען זוכה דורך תורה.

**די** וועלט זאגט, אז אין די גמרא איז דא כמה מופתים פון תנאים. און פון די תנאים וואס עס

ווערט צוגעברענגט פון זיי מופתים, איז כמעט נישטא פון זיי קיין מאמרי חז"ל אין הלכה. רבי חנינא בן דוסא האט מתפלל געווען, זה חי וזה מת (ברכות לד:), כל העולם ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני די לו בקב חרובין (שם יז:), קיין אנדערע מאמרים איז כמעט נישטא פון רבי חנינא בן דוסא, אין אבות (ג-ט) איז דא פון אים א מימרא, אבער אויסער דעם איז נישטא. חוני המעגל (תענית כג.) איז נישטא פון אים קיין מימרא. איז א סימן, אז עס איז דא צוויי ערליי צדיקים. עס איז דא צדיקים וואס זענען צוגעקומען צו זייערע מדריגות דורך תורה, און עס איז דא צדיקים וואס זענען צוגעקומען צו זייערע מדריגות דורך מעשים טובים.

*

**רבי יענקעלע** האט נאכגעזאגט פון זיין שווער, וואס ער האט געהערט פונעם שוחט פון פשעווארסק, וואס ער פלעגט נאך צו פארן צום **רבי ר' הערש**. אז **רבי הערש** האט געגעסן די סעודות שבת, אזוי ווי א הונגעריגער וואס האט שוין לאנג נישט געגעסן, אזוי שנעל האט ער געגעסן, אלץ חביבות פון מצות עונג שבת. אמאל אחרון של פסח, ביי די סעודה פון זיך געזעגענען, האט דער **רבי ר' הערש** אויפגעגעסן פערציג מצות, אזוי האט ער פארציילט.

**און רבי איציקל** האט צוגעגעבן דערויף, אז עס איז אוממעגליך, אז א מענטש זאל קענען עסן אזויפיל מצות, נאר עס מוז זיין, אז עס איז אים פארברענט געווארן די מצות אינעם בויך, ווען ער האט עס אראפגעשלינגען. אז נישט איז עס נישט מעגליך. און בפרט אז דעמאלטס איז די מצות נישט געווען אזוי דין ווי היינט, אז ער זאל קענען עסן דערפון פערציג מצות, האט געמוזט זיין אז עס איז פארברענט געווארן ביי אים.

**ואמר רבינו:** קען זיין, אז די פערציג מצות איז נישט געווען אזעלכע גרויסע מצות ווי היינט, נאר עס איז געווען אזוי ווי קרעקער"ס. אבער על כל פנים פון חיבוב מצוה, האט ער אזויפיל געגעסן.

*

**דער שינאווער רב** האט געזאגט, אז ער האט אמאל געזען דעם **רבי ר' הערש** צוריק קומען פון באקען די מצות ערב פסח, און ווען ער האט אנגעקוקט דעם **רבי ר' הערש**, האט ער געזען א שטיק פייער, אזוי צוקאכט איז ער געווען.

**מען** האט עס אמאל איבערגעזאגט פאר **רבי מאיר אריק, טארנע רב**. האט זיך איינער אנגערופן, אז עס איז געווען א דמיון. דער **שינאווער רב** האט זיך גע'דמיונ'ט, אז ער איז געווען א שטיק פייער. **רבי מאיר אריק** איז נישט געווען קיין רימנוב'ער חסיד, ער איז געווען א טשארטקאווער און א ביאנער, האט ער געזאגט, אז דער **שינאווער רב** האט אזוי געזאגט, האט ער זיכער אזוי געזען. נאר נישט יעדער זעט, וואס א צווייטער זעט. און אז דער **שינאווער רב** האט אזוי געזען, האט ער גוט געזען.

*

**רבי איציק'ל** האט נאכגעזאגט פונעם **שינאווער רב**, אז ווען עס געפאלט ראש חודש, ערב שבת, שטייט אין **צוואת רבי יהודה החסיד** (אות מח) אז מען שניידט זיך נישט די נעגל, ווייל עס איז ראש חודש. אבער דער **רבי ר' הערש** פלעגט זיך צו שניידן די נעגל ערב שבת, אפילו ווען עס איז געפאלען ראש חודש. און נאכדעם פלעגט ער צו זאגען, אז ער האט פארגעסן אז עס איז ראש חודש, און פארדעם האט ער געשניטן די נעגל. און דער **שינאווער רב** האט געזאגט דערויף, אז דער **רבי ר' הערש** איז נישט געווען קיין ליגענער, און אז ער האט געזאגט, אז ער האט פארגעסן, האט ער מן הסתם פארגעסן. נאר אזוי ווי מן השמים האט מען געוואלט אז ער זאל זיך שניידן די נעגל, האט מען געמאכט אז יעדעס מאל ווען ראש חודש איז געפאלן ערב שבת, האט ער פארגעסן אז עס איז ראש חודש, כדי ער זאל זיך שניידן די נעגל לכבוד שבת.

*

**דער קאלאשיצער רב** האט געזאגט, אז עס איז א סגולה פאר איינעם וואס עס האלטען זיך נישט ביי אים די קינדער, אז ער זאל א נאמען געבן בן ציון. דער **באבובער רב** האט געהייסען בן ציון,

ווייל ביי זיין פאטער **רבי שלמה**, האבען זיך נישט געהאלטן די קינדער, האט ער א נאמען געגעבן בן ציון. האט דער **קאלאשיצער רב** געזאגט, אז פאר איינעם וואס האט זיך נישט געהאלטן די קינדער, און עס איז אים געבוירן א מיידעל, האט דער **רבי ר' הערש רימנוב'ער** געזאגט, אז מען זאל איר רופן בת ציון. און דער **צאנזער רב** האט אויף דעם געזאגט, אז כאטש דער **רבי ר' הערש** האט געהאט גילוי אליהו, אבער אין דעם בין איך נישט אויף איין מיינונג מיט אים, און מען זאל נישט א נאמען געבן בת ציון.

*

**רבי יהודה'לע פון סטיטשין** האט פארציילט, אז דער **רבי ר' הערש** האט געהאט זיבעצן קינדער, וואס זענען נסתלק געווארן בחייו, און אלע זענען אוועק שבת. און גאנץ שבת האט מען נישט דערקענט אויפן **רבי ר' הערש** קיין שום שינוי, אז א קינד איז אוועק. ווען דאס לעצטע קינד איז אוועק שבת, האט די רעבעצין זייער פארפירט. און דער **רבי ר' הערש** האט איר אנגעשריגן, וואס שטערסטו מיר פונעם הייליגן שבת און פונעם הייליגן באשעפער. עס איז שבת, און מען טאר נישט פארפירן.

*

**דער סטראפקוב'ער רב זי"ע** האט פארציילט, אז צו די יארצייט פון **רבי מענדעלע רימנוב'ער**, ל"ד בעומר, פלעגן זיך אלע תלמידים צוזאמקומען אויף רימנוב. אמאל איז דארט געווען דער **ייטב לב**, ער פלעגט אויך צו פארן צום **רבי ר' מענדעלע**, און דער **רבי אליעזר'ל דזיקובער**. און זיי זענען ארויסגעגאנגען שמועסן אויף די גאס, אינמיטן האבען זיי געהערט א גערודער פון בית המדרש, האבען זיי זיך צוגעבויגן די אויערן צום גערודער, האבען זיי געהערט ווי אזוי דער **רבי ר' הערש** ציילט ספירה, און ער האט געזאגט די ברכה מיט די ספירה בקולי קולות, אז דער **ייטב לב** איז נתפעל געווארן פון די ספירה וואס ער האט געהערט.

**ווען רבי אליעזר'ל** האט געזעהן, ווי אזוי ער ווערט אזוי נתפעל פון די ספירה. האט ער אים געזאגט, מחותן, וואס זענט איר אזוי נתפעל געווארן, דער יוד איז שוין נתנסה געווארן מיט עשרה נסיונות, אזוי ווי אברהם אבינו. עס איז שוין נישט קיין מדריגה, ווייל ער איז נתעלה געווארן אין אזא מדריגה, אז ער קען ציילען אזוי ספירה.

*

**דער טאהשער רבי** זאל זיין געזונט [זצ"ל], האט דערציילט פארן **סאטמארער רב**, אז ער האט געהערט פון זיין זיידען, אז דער **ייטב לב** איז געווען א אייניקעל פונעם **ישמח משה**, א זון פון **רבי אלעזר ניסן**. און דער **ייטב לב** איז געווען א איידעם ביי **רבי משה דוד אשכנזי**, **טאלטשאווער רב**. ביי די חתונה ווען **רבי אלעזר ניסן** האט חתונה געמאכט דעם **ייטב לב**, מיט דעם טאלטשאווער רב'ס טאכטער, האט דער **ישמח משה** געגעבן געלט פאר זיין זון **רבי אלעזר ניסן**, אז ער זאל צוטיילען פאר די אלע עניים, וואס קומען צו די חתונה.

**צווישן** די עניים איז אנגעקומען א ארימאן, און ער האט זיך אויסגעבעטן, אז ער וויל מען זאל אים געבן א גרויסע סומע געלט. האט **רבי אלעזר ניסן** געזאגט, אז דער פאטער האט אים געגעבן דאס געלט צוצוטיילן צווישן די עניים, און אויף אזא סומע מוז ער פרעגן דעם פאטער, צו ער איז מסכים דערצו. איז ער אריינגעגאנגען צום **ישמח משה**, און ער האט אים געזאגט, אז עס איז דא א ארימאן וואס עקשנ'ט זיך, אז ער וויל נישט נעמען נאר די און די סומע, וואס זאל ער טון. האט אים דער **ישמח משה** געזאגט, ער זאל אים מצייר זיין, ווי אזוי דער ארימאן זעהט אויס. האט ער אים מצייר געווען. האט אים דער **ישמח משה** געזאגט, געב אים וויפיל ער בעט. האט ער אים געגעבן וויפיל ער האט געבעטן. ווען ער האט באקומען דאס געלט, האט ער אנגעהויבן געבן גרויסע ברכות פאר **רבי אלעזר ניסן**, און פארן **ייטב לב**, און פאר די מחותנים, אז זיי זאלן מצליח זיין, און האבען דורות ישרים ומבורכים, צדיקים און צדקניות, און דער ארימאן איז נעלם געווארן. און מען האט נישט געוואוסט ווער ער איז.

**יארן** שפעטער איז דער **טאלטשעווער רב** געפארן קיין ארץ ישראל, און ער האט געוואוינט אין צפת. בעפאר ער איז געפארן, איז ער געגאנגען זיך געזעגענען פון די צדיקים אינעם דור, און ער איז אנגעקומען צום **רבי ר' הערש רימנוב'ער**. ער האט נישט געקענט דעם **רבי ר' הערש** פון פריער, ווען ער איז אריינגעקומען צום **רבי ר' הערש**, האט ער דערקענט, אז דאס איז דער ארימאן וואס איז געווען דעמאלטס ביי די חתונה, און ער האט געבעטן א גרויסע סכום פאר צדקה. דער **רבי ר' הערש** פלעגט זיך אויסבעטן מיט גרויס געלט פאר א ברכה. און דעמאלטס איז ער געוואר געווארן, אז דאס איז געווען דער **רבי ר' הערש**, פון וועם ער האט באקומען אזא חשובע ברכה צו די חתונה.

**האט** אים דער **סאטמארער רב** געזאגט, אז ער האט מקובל פונעם **ייטב לב**. אז דער **ייטב לב** איז אמאל זומער געפארן שניידען ווייץ לשם מצות מצוה, און בעפאר ער איז אהיים געקומען פונעם שניידן, האט ער אויסגערעכנט אז ער זאל זיין שבת אין רימנוב, ביים **רבי ר' הערש**. שבת ביים טיש האט דער **רבי ר' הערש** געזאגט דברי תורה, אויפן פסוק (תהלים מ-י) בשרתי צדק בקהל רב, הנה שפתי לא אכלא. האט ער געזאגט, 'בשרתי צדק', איך בין בכח מבשר צו זיין בשורות טובות פאר יודען, אפילו 'בקהל רב', אפילו פאר א געוואלדיגע קהל, פאר אסאך יודען, קען איך פועל'ן ישועות רבות. וועסטו פרעגן ווי אזוי בין איך פארזיכערט, אז מען וועט אנגעמען מיינע תפלות. 'הנה שפתי לא אכלא', ווייל איך וועל נישט צוריקהאלטען מיין ליפן פון בעטן, און בעטן, און מתפלל זיין, ביז מען וועט מוזען צוהערן אויבן אין הימל וואס איך בעט.

**ווען** דער **ייטב לב** איז אהיים געקומען, האט ער פארציילט פארן **ישמח משה**, וואס דער **רבי ר' הערש** האט געזאגט. איז דער **ישמח משה** נתפעל געווארן פון די ווערטער, און ער האט געזאגט, יעצט פארשטיי איך שוין דעם מנהג פונעם **רבי ר' הערש**, וואס ער בעט אזעלכע סכומים פון מענטשן, צוצוזאגען א ישועה. [עס איז געווען א פלא ביי די צדיקים, פארוואס ער פירט זיך אזוי].

אויב א מענטש קען זאגען אויף זיך, אז ער קען אזויפיל בעטן, ביז מען וועט מוזען טון זיינע בקשות, מעג ער זיך דערפאר אויסבעטן געלט.

*

**רבי יענקעלע** האט פארציילט, אז ער האט געהערט פונעם **סאניק'ער רב**, וואס האט געהערט פונעם **בלוזשוב'ער רב**, וואס איז געווען א אייניקעל פונעם **בני יששכר**. דער **בני יששכר** האט געהאט א טינא בלב, אויף דעם **רבי ר' הערש**, פארוואס ער בעט אזויפיל געלט פון מענטשען פאר ברכות. מילא אז א מענטש גיט וויפיל ער גיט, האט ער געגעבן. אבער דער **רבי ר' הערש** פלעגט אסאך מאל צונעמען פון א מענטש עד פרוטה אחרונה, כדי אים אנצוזוואונטשען. און רוב צדיקים זענען וועגן דעם געווען אקעגן דעם **רבי ר' הערש**. אוודאי האט ער געוואוסט וואס ער טוט, און ער האט עס געגעבן פאר צדקה. אבער וויפיל זיי האבען פארשטאנען, זענען זיי געווען דערקעגן. דער **בני יששכר** איז אויך געווען אקעגן דעם **רבי ר' הערש**, פארוואס ער פירט זיך אזוי.

**דער בני יששכר** פלעגט צו קומען קיין רימנוב, צו די יארצייט פון **רבי מענדעלע**. איין יאר איז די יארצייט געווען ערב שבת, און דער **בני יששכר** איז געקומען צופארן פון דינוב קיין רימנוב צו די יארצייט. און תיכף ווען ער האט געענדיגט ביים ציון, איז ער אהיים געפארן אויף שבת. ער האט נישט געוואלט בלייבען ביים **רבי'ן ר' הערש**, ווייל זיי זענען געווען אזוי אנגעצויגען. דער **רבי ר' הערש** האט געהערט, אז דער **בני יששכר** איז דא געווען, און ער איז אהיים געפארן, און ער איז נישט געבליבן אויף שבת. האט ער געמאכט אזא תנועה מיט די הענט, און ער האט געזאגט, **רבי הערש מיילך** וועט נאך זיין ביי אונז אויף שבת.

**אינמיטן** וועג האט זיך צובראכן די רעדל פונעם וואגן פונעם **בני יששכר**, און מען האט נישט געקענט ווייטער פארן. דער **בני יששכר** האט נישט געוואוסט, אז די צווייטע רעדל זאל זיך אויך צוברעכן. ער האט פארשטאנען, אז עס איז א הקפדה פונעם **רבי ר' הערש**. האט ער זיך

אויסגעדרייט און ער איז צוריקגעפארן אויף שבת. דער **רבי ר' הערש** האט שטארק מכבד געווען דעם **בני יששכר**, ער האט אים געזעצט נעבן זיך בראש השלחן. און מען האט גארנישט געהערט, פון וואס עס איז געווען פון פריער, און אזוי איז אדורך דער שבת.

**רבי יענקעלע** האט צוגעגעבן, און ער האט געזאגט. דער **בני יששכר** איז געווען א גדול בתורה, א גאון בנגלה, ובנסתר, בבלי, ירושלמי, מדרשים, ער האט געשריבן אסאך ספרים, בערך צוואנציג ספרים איז דא פונעם **בני יששכר**. און דער **רבי הערש** איז געווען גדול במעשים טובים, געזאגט אסאך תהלים, און געלערנט חק, און א גרויסער בעל צדקה. און זיין כח, איז געווען שטערקער פונעם **בני יששכר**. איז א סימן, אז מיט מעשים טובים, קען מען צוקומען צו גרויסע מדריגות.

*

**רבי יענקעלע** האט פארציילט, אז ער איז אמאל געווען אין קראקא, און דער **סטראפקוב'ער רב, רבי אברהם שלום**, איז אויך דעמאלטס דארט געווען, און ער איז איינגעשטאנען ביי א יוד רבי יעקב לעבאוויטש, ער האט שפעטער געוואוינט אין אנטווערפען. און דער **סטראפקוב'ער רב** איז געגאנגען דאווענען, אין די בית המדרש וואס מען האט גערופן רבי אָרון'ס בית המדרש (מן הסתם איז עס רבי אָרון, דער זון פונעם **מאור ושמש**), און **רבי יענקעלע** האט אים באגלייט צום בית המדרש, עס איז געווען א וועג פון צוויי גאסען, און ער האט דעמאלטס געהערט פון אים צוויי מעשיות.

**איינס**, אז דער **רבי ר' הערש** איז אמאל געווען ביים הייליגען **רוזשינער**, זיי האבען זיך משדך געווען צווישן זיך, און פרייטאג נאכמיטאג האט מען געזאגט פארן **רוזשינער**, אז דער **רבי ר' הערש** איז שוין געגאנגען אין בית המדרש מקבל שבת זיין. ער האט נישט אויסגעווארט ביזן זמן, ווען דער **רוזשינער** וועט גיין דאווענען, נאר ער איז געגאנגען דאווענען קודם. און דער **רוזשינער** האט געהאלטען אינמיטן רייכערן, און ווען מען האט אים געזאגט, אז דער **רבי ר' הערש** איז געגאנגען מקבל שבת זיין, האט ער אויפגעהערט צו רייכערן. דער **רבי ר' הערש** איז געווען עלטער פונעם **רוזשינער**, אבער פאר די רוזשינער חסידים האט עס זייער געאַהרט, אז דער **רבי ר' הערש** קומט קיין רוזשין, און דער רבי איז דא, און ער גייט מקבל שבת זיין פארן **רוזשינער**. און דער **רוזשינער** האט עס באמערקט, האט ער זיך אנגערופן און געזאגט, 'נארנים, וואס מיינט ער, און וואס מיין איך', ביידע מיינען מיר דעם כבוד ה'. איז וואס איז א חילוק, ווי אזוי מען דינט אים. אלע זענען מיר מכוון די זעלבע.

**נאכדעם** האט דער **סטראפקוב'ער רב** דערציילט, אז עס איז אמאל געווען דריי חסידים, און יעדער האט גערעדט פון זיין רבי'ן. איין חסיד האט געזאגט, אז זיין רבי איז א בארג פון תורה. דער צווייטער האט געזאגט, אז זיין רבי איז נישט קיין בארג פון תורה, אבער ער איז מלא וגדוש אין מצות און מעשים טובים, צדקה, און גמילות חסדים. דער דריטער האט געזאגט, מיין רבי קען נישט לערנען, און ער קען נישט דאווענען, אבער ער איז א הוילער אור עולם. אין גאליציע ווען מען האט געוואלט זאגן 'בלויז', האט מען געזאגט 'הויל', ער איז א הוילער אור עולם. אבער אויף א ליידיגע זאך, זאגט מען אויך אז עס איז א הוילער זאך. האט דער **סטראפקוב'ער רב** געזאגט מיט א ווערטעל, עס איז דא חסידים, וואס זיי זעהן נישט ביי זייער רבי'ן גארנישט, נישט קיין תורה, און נישט קיין תפילה. זיי זעהן אז ער איז הויל, און זיי זאגען אז ער איז א אור עולם. ער איז א הוילער אור עולם [אפשר האט ער דעמאלטס דערציילט די מעשה, ווייל מען האט געזאגט אויף איינעם אז ער איז געווארן א רבי, האט ער אויף דעם ארויף דערציילט די מעשה].

*

**דער צאנזער רב** האט געקענט דעם **רבי הערש** נאך פון די יוגענט, פון ראפשיץ. דער **רבי ר' הערש** איז געווען משרת ביי **רבי מענדעלע רימנוב'ער**. און פאר ער איז געווען ביי **רבי מענדעלע**, איז ער געווען אין ראפשיץ. און דעמאלטס איז דער **דברי חיים** אויך געפארן קיין

ראפשיץ. **רבי איציק'ל** האט געהערט פונעם **צעצשינוב'ער רב**, אז די מדת השתוות וואס איז געווען ביים **רבי ר' הערש**, איז געווען אויסערגעווענליך. אז דער **דברי חיים** פלעגט יעדע פרשת פרה פארן צו א צדיק. ער פלעגט צו פארן צו **רבי אשר'ל ראפשיצער**, און ווען **רבי אשר'ל ראפשיצער** איז נסתלק געווארן, איז ער געפארן יעדע פרשת פרה צום **ארי' דבי עילאי**. און ווען דער **ארי' דבי עילאי** איז נסתלק געווארן, איז געפארען צום **רבי ר' הערש**. ער איז געווען אינגאנצן איינמאל, די לעצטע יאר פונעם **רבי ר' הערש**. און עס איז געווען א חידוש ביים **רבי ר' הערש**, אז דער **צאנזער רב** איז געקומען אויף שבת. האט ער געפרעגט דעם **צאנזער רב**, וואס טוט איר עפעס דא אויף שבת, האט דער **צאנזער רב** געזאגט, מיר האבען בקבלה, אז פרשת פרה דארף מען זיין ביי א צדיק הדור. און מער האט אים דער **רבי ר' הערש** נישט געפרעגט. האט דער **צעצשינוב'ער רב** געזאגט, קוקטס אן זיין מדת השתוות. קודם האט ער נישט פארשטאנען פארוואס ער איז געקומען, און נאכדעם וואס ער האט אים געזאגט, אז ער איז געקומען, ווייל מען דארף זיין ביי א צדיק הדור, איז דאס אויך גוט געווען. קודם פארשטייט מען נישט, פארוואס מען קומט. און נאכדעם קען ער פארשטיין, אז ער איז דער צדיק הדור, און וועגן דעם איז מען געקומען.

*

**רבי יענקעלע** האט פארציילט, אז ער האט געהערט פון זיין שווער **רבי איציק'ל**, אז **רבי אליעזר'ל דזיקובער** האט אמאל געטון א גרויסע טובה פאר **רבי הערש רימנוב'ער**, און דער **רבי ר' הערש** האט אים מבטיח געווען, אז ער וועט קומען צו אים אויף א שבת, אלס הכרת הטוב וואס ער האט אים געטון. און ער איז געקומען צופארן אויף שבת פרשת לך לך תר"ז, דאס איז געווען צען טאג פאר זיין פטירה. דער **רבי ר' הערש** איז געווען אסאך עלטער פון **רבי אליעזר'ל דזיקובער**, אז **רבי אליעזר'ל** איז געווען גערעכנט ווי א יונגערמאן, אקעגן דעם **רבי ר' הערש**. און **רבי אליעזר'ל** האט אים איבערגעגעבן צו פירן טיש שבת.

**דער רבי ר' הערש** האט געהאט א מנהג, אז ווען ער פלעגט אנהייבען צו זאגען תורה, פלעגט ער אנהייבען צו רעדן פון מתן תורה, ביז ער איז צוגעקומען צו די פרשה ווי מען האלט. דאס איז טייטש, אז יעדע דברי תורה האט זיך אנגעהויבן מיט פרשת יתרו. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, ביז ער איז צוגעקומען צו דעם פסוק, וואס עס שטייט אין די פרשה. און אסאך מאל האט ער אנגעהויבן פון יציאת מצרים, און אסאך מאל פון בריאת העולם, ביז ער איז צוגעקומען צו די פרשה, און נאכדעם האט ער געזאגט דברי תורה. דעמאלטס ווען ער איז געווען שבת אין דזיקוב, האט ער פרייטאג צו נאכטס אנגעהויבן די דברי תורה מיט בריאת העולם. ווען ער איז צוגעקומען צו יציאת מצרים, אז די יודען זענען אדורך דעם ים, און געזאגט שירה. האט זיך דער **רבי ר' הערש** אויפגעשטעלט, און ער האט אנגעהויבן צו זאגן שירה פסוק בפסוק.

**דער אמרי נועם** איז דארט געווען אויף שבת. האט ער נאכדעם געזאגט, מען האלט דאך מיר פאר א עושר [ער איז געווען א נגידישער איידעם], איך האב פארמאגט הונדערט פופציג טויזענט עסטרייכישע קראנען, און דריי הונדערט זילבערנע בעכערלעך [אמאליגע עשירים האבען געהאט בעכערלעך, און אין דעם האבען זיי געהאלטן זייער פארמעגן, און עס איז געווען אסאך געלט]. האט דער **אמרי נועם** געזאגט אויף זיך, איך וואלט אוועקגעגעבן דאס גאנצע פארמעגן וואס איך האב, אז איך זאל נאכאמאל הערן, ווי אזוי דער **רבי ר' הערש** האט געזאגט, נטית ימינך תבלעמו ארץ. ער האט געהאט אזא הרגשה, ווען ער האט געזאגט די שירה, און ער איז צוגעקומען צו דעם פסוק, נטית ימינך תבלעמו ארץ, אז זיין גאנצע פארמעגן וואלט ער אוועקגעגעבן, עס צו קענען נאכאמאל הערן פונעם **רבי ר' הערש**.

**האט רבי יענקעלע** געזאגט, אז איך האב געזאגט פאר מיין שווער, אז מן הסתם האט דער **אמרי נועם** דעמאלטס מרגיש געווען, אז ער האט אים צוגענומען דאס גאנצע ארציות און

גשמיות וואס ער האט געהאט, נטית ימינך תבלעמו 'ארץ'. און וועגן דעם האט ער געהאט אזא תענוג דערפון. אבער מיין שווער האט נישט מסכים געווען צו דעם פשט.

*

**דער סטיטשינער רבי** האט פארציילט, אז א יוד איז אמאל אריינגעקומען צו **רבי אליעזר'ל דזיקובער**, און ער האט זיך אפגערעדט אויפן **רבי ר' הערש**, אז ער איז א גרויסער בעל מופת, און ער וואלט אים זייער געוואלט געבן א קוויטעל, פאר די ענינים וואס ער דארף האבען. אבער ער קען נישט, ווייל דער **רבי ר' הערש** בעט גרויסע סכומים פון געלט. און ער האט מורא, אז ער וועט אים בעטן אסאך געלט, און ער קען נישט אזויפיל אוועקגעבן. האט אים **רבי אליעזר'ל** געזאגט, אז אין א פאר טעג ארום וועט דער **רבי ר' הערש** זיין ביי מיר אין שטוב, און דו וועסט אים דעמאלטס קענען געבן א קוויטעל. ווייל ביי מיר אין שטוב, וועט ער זיך נישט געטרויען צו בעטן אזעלכע גרויסע פארמעגנס. דער יוד האט אפגעווארט, ביז דער **רבי ר' הערש** איז געקומען. און ער איז אריין, און ער האט אים געגעבן א קוויטעל, און ער האט נישט געבעטן קיין געלט, און ער האט אים אנגעוואונטשען וואס ער דארף צו האבען.

**ווען** דער יוד איז ארויסגעגאנגען, האט ער זיך דערמאנט אז ער האט פארגעסן צו בעטן איין זאך. דער **רבי ר' הערש** איז שוין ארויסגעגאנגען פון **רבי אליעזר'ל** שטוב, איז דער יוד צוגעגאנגען, אז ער האט געוואלט צוגעבן, אז ער דארף א ברכה אויף די און די זאך. האט דער **רבי ר' הערש** געזאגט, אז דו וועסט מיר געבן אזא און אזא סומע געלט, וועסטו געהאלפען ווערן. איז ער געווען אין א קלעם, איז ער אריין צו **רבי אליעזר'ל דזיקובער**, און ער האט אים דערציילט וואס עס האט פאסירט. האט ער אים געזאגט, אז ער האט שוין געבעטן, איז נישטא קיין ברירה. דו מוזט אים געבן וויפיל ער האט געבעטן. ווילאנג ער האט נישט געבעטן, האט מען זיך געקענט א עצה געבן. אבער אז ער האט שוין געבעטן דארפסטו באצאלען.

*

**דער סאטמארער רב** האט פארציילט, אז דער **ייטב לב** פלעגט אסאך צו פארען צום **רבי ר' הערש**. אמאל איז ער געפארן ווינטער, און עס איז געווען זייער קאלט, און עס איז געווען זייער א שווערע וועג. ער האט געדינגען א בעל עגלה, און ער האט אים איבערגעלאזט אינמיטן וועג. און ביים צווייטען בעל עגלה זענען די פערד געשטארבען. און נאכדעם האט זיך צובראכען די שליטן. אז ער איז קוים אנגעקומען ערב שבת צום **רבי ר' הערש**. ווען ער איז אריינגעגאנגען נעמען שלום, האט ער געזאגט פארן **רבי ר' הערש**, אז ער האט געהאט זייער א שווערע וועג צו קומען. האט אים דער **רבי ר' הערש** געזאגט, יא, יא, צו א צדיק אמת, קומט מען שווער אָן. אזוי האט ער געזאגט אויף זיך.

*

**נאך** האט דער **סאטמארער רב** פארציילט, אז אמאל האט זיך א חולה מסוכן מזכיר געווען ביים **רבי ר' הערש** פרייטאג צונאכטס. האט ער געזאגט, אז ער איז גרייט צוצוזאגען א ישועה, אבער נאר פאר א גרויסע סומע געלט. האט דער יוד געזאגט, אז מוצאי שבת וועט ער ברענגען דאס געלט. האט דער **רבי הערש** געזאגט, ניין, ער דארף דאס געלט יעצט. האט ער געזאגט, עס איז דאך שבת. האט ער געזאגט, אז מען זאל ווייזען פאר א גוי ווי דאס געלט ליגט, און דער גוי זאל עס ברענגען. אזוי האט דער **סאטמארער רב** פארציילט. און ער האט צוגעענדיגט, ווען מען זאל עס דערציילען פאר א מתנגד נא, נא, נא, וואס ער וואלט געזאגט צו אזא מעשה.

**והסביר רבינו:** זעהט אויס, אז ער האט געהאלטען, אז במקום פיקוח נפש, אז ער קען טון א טובה נאר אויף דעם וועג, מעג מען הייסען פאר א גוי זאל טון צרכי חולה.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**